- נערך באידיש -

בס"ד

# יקרא דמלכא

## שיחות התחזקות והתעלות

שנאמרו ע"י

כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## לבחורי חמד

### גלייבן און אויסנוצען די אייגענע כוחות

חלק ב'

יו"ל ע"י

מכון שפה ברורה

שע"י חסידי קאסוב

פרשת בהר שנת תשפ"ב לפ"ק

- גליון יא -

## כל הוצאת עריכת והו"ל של הגליון

נתנדב ע"י
ידידינו היקר שביקרים
מופלא ומופלג בכל המעלות
ובעל מידות תרומיות ומוזהבות,

# הרוצה בעילום שמו

לע"נ

הרה"ח מו"ה **משה יהודה** בן **צבי** ע"ה
וזוגתו מרת **חוה** בת **שמואל** ע"ה
מרת **לאה** בת **יקותיאל יהודה** ע"ה
והרה"ח מו"ה **אברהם אהרן**
בן **מנחם מענדל** ע"ה

זכות הפצת הני דברי תורתו של כ"ק אדמו"ר שליט"א יגן בעדיו
שיתברך בכל מעשי ידיו בשפע ברכה והצלחה בכל עסקיו, וימצא חן
וחסד בעיני אלקים ואנשים בכל חפציו מתוך עושר ואושר כל ימי חייו

**כל הזכויות שמורות**

להערות והארות או לקבל הגליון מדי שבוע בשבוע ע"י e-mail
יש לפנות להמערכת
במס' 917-686-5892
או אל toraskosov@gmail.com

נערך ונסדר ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# גלייבן און אויסנוצען די אייגענע כוחות

-חלק ב-

## תמצית בקיצור מתוכן השיחה - חלק א'

**יגיעת התורה** - איינע פון די הויפט נקודות פון הצלחה בתורה איז 'יגיעת התורה', דערפאר פארלייגט זיך דער יצר הרע אויף דעם זייער שטארק. און דאס קומט פון די שורש הקליפה פון עשו הרשע וואס האט ארויפגעלייגט א פחד אויף יעקב אבינו וואס איז מקור הקדושה.

**חשיבות העבודה** - א מענטש קען מעסטן די חשיבות פון זיין עבודה, לויט וויפיל שווערקייטן דער יצר הרע לייגט אריין, וואס דאס געבט די גרעסטע חיזוק ווען מען ווייסט אז וואס מען טוט איז זייער חשוב פארן אויבערשטער, און דער שטן פראבירט עס צו צושטערן.

**גלייבן באמת אין די אייגענע כוחות** - די סיבה פארוואס נישט יעדער איינער איז מצליח, איז וויבאלד מען מיינט אז וואס מען הערט איז נאר חיזוק, אבער אינ'אמת'ן איז די אמת לאמיתו של דבר אז יעדער איינער האט די כוחות צו שטייגן און אויסוואקסן, און ווען מען גלייבט אין דעם באמת האט מען א מורא'דיגע הצלחה.

## צוויי הויפט יסודות פון הצלחה בתורה

יעדער איינער וואס וויל אנקומען צו א געוויסע זאך, דארף צוערשט אריינלייגן א עבודה, און זיך איבערגעבן מיט אלע זיינע כוחות כדי ער זאל דאס קענען דערגרייכן.

ווען א בחור זיצט אין ישיבה - בין כותלי ביהמ"ד - און ער וויל מצליח זיין, ער וויל אנקומען דארט ווי זיינע גוטע שאיפות שטרעבן אנצוקומען, דארף ארײנלייגן א עבודה און טון די ריכטיגע זאכן וואס ווען אים פירן צו זיין מטרה.

דער וועג וואס פירט צו הצלחה אין תורה פארמאגט אין זיך צוויי הויפט יסודות, די ערשטע יסוד איז די חלק פון יגיעה, זיך צו מוטשענען און זיין אינגאנצן איבערגעגעבן צו די תורה, וואס דאס איז א גרויסע שליסל וואס טוט אויפמאכן די טויערן פון הצלחה און דורכדעם איז מען זוכה אז עס זאל זיך עפענען די טויערן פון השגה בתורה, און מען ווערט דבוק ומקושר צו די תורה[א].

דערנאך איז פאראן די צווייטע יסוד וואס פירט צו הצלחה אין תורה, וואס דאס איז מחשיב זיין יעדע ביסל עבודה און יגיעה וואס מען לייגט אריין אין עבודת ה', און מען זאל זיין צופרידן פון יעדע שטיקל עבודה וואס מען האט מצליח געווען צו דערגרייכן, און דאס גיבט די כוחות פאר א מענטש ווייטער צו ממשיך אין עבודת ה' און שטייגן ווייטער און אויסנוצן זיינע כוחות וואס דער באשעפער האט אים געגעבן.

## יוסף הצדיק און דוד המלך

עס שטייט אין מגלה עמוקות[ב], יעקב אבינו האט זיך זייער מצטער

**א.** אזוי ווי עס איז שוין אויסגעשמועסט געווארן בס"ד באריכות אינעם ערשטן טייל פונעם שמועס, אז דוקא אויף די ענין פון 'יגיעת התורה' פארלייגט זיך דער יצר הרע מיט גרויסע כוחות, און וועט טון אלעס אויפן וועלט צו אפשטעלן די יגיעת התורה אז מען זאל זיך נישט קענען מתייגע זיין אין תורה מיט די גאנצע כח און ברען.

**און** אין א געוויסע זין האט דער יצר הרע מצליח געווען ארײנצוברענגען אז עס זאל אויסזען אז זיצן אין לערנען תורה איז א שרעקעדיגע און גאר שווערע זאך, און נישט געמאכט פאר יעדעם איינעם. און דאס איז די קליפה פון עשו וואס שלאגט זיך מיט די כוחות הקדושה פון יעקב אבינו, און פראבירט ארײנצולייגן אז מען זאל מורא האבן פון א זאך וואס אינ'אמת'ן האט יעדער איינער די כוחות דאס צו דערגרייכן.

**ב.** פרשת יתרו דרוש ה' (י"ט - כ"ב, יו"ל מכת"י שנת תשמ"ב).

געווען אויף די אלע יארן וואס יוסף הצדיק איז נישט געווען מיט אים, וויבאלד ווילאנג יוסף איז געווען צוזאמען מיט יעקב אבינו האט ער נישט פארגעסן די תורה וואס ער האט געלערנט אין ביהמ"ד פון שם ועבר, וויבאלד יוסף הצדיק איז געווען די יסוד הזכרון, דעריבער ווילאנג יוסף איז געווען מיט זיין טאטע יעקב, האט יעקב אבינו נישט פארגעסן די תורה וואס ער האט געלערנט[ג]. אבער נאך וואס יוסף איז צוגענומען געווארן פון אים האט די שכחה אנהויבן גובר זיין אויף אים.

און די זעלבע איז געווען מיט דוד המלך, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[ד] אויפן פסוק (שמואל א' טז, יב) **וְטוֹב רֹאִי, כל מי שהוא רואה אותו זוכר את תלמודו**, דער וואס האט נאר געזען דוד המלך האט געדענקט די תורה וואס ער האט געלערנט, און דאס איז פשט אין פסוק (תהלים קיט, עד) **יְרֵאֶיךָ יִרְאוּנִי וְיִשְׂמָחוּ**, יעדער וואס האט נאר געזען דוד המלך איז געווארן פרייליך, ווייל מען האט מער נישט פארגעסן די תורה וואס מען האט געלערנט. און דאס איז וויבאלד די כח און חיות פון דוד המלך קומט פון יוסף הצדיק[ה].

---

**ג.** דערמיט טייטשט דער מגלה עמוקות פשט אינעם לשון הפסוק (בראשית לז, ג) **'כי בן זקונים הוא לו'**, און דער תרגום טייטש 'ארי בר חכים הוא ליה', יוסף איז געווען א קלוג קינד פאר זיין טאטע, דאס הייסט אז זיין טאטע איז געווען קלוג צוליב אים, דורכן נישט פארגעסן די תורה בזכותו. (ועיין עוד בעשרה מאמרות להרמ"ע מפאנו ז"ל מאמר חקור דין ח"א פרק כ"ג).

**און** דערמיט פארשטייט מען פשט אין פסוק (שם לז, לה) **וימאן להתנחם**, יעקב אבינו האט זיך נישט געוואלט טרייסטן אויף יוסף הצדיק, וויבאלד ער האט זוכה געווען צו געדענקן די לערנען בזכותו, און יעצט ווען ער איז נישטא האט ער שוין מער נישט די זכות, און עס שטייט אין חז"ל (אבות ג, ח) **כל השוכח דבר מתלמודו חייב מיתה**. און דאס איז פשט אינעם המשך פונעם פסוק (שם) **כי ארד אל בני אבל שאולה**, ועיי"ש.

**ד.** ויקרא רבה כ, א.

**ה.** ועיי"ש בדבריו שמבאר באריכות, שדוד לא היה לו שנות חיים מעצמו, ועיקר שנותיו באו מיוסף הצדיק, כמבואר בזוה"ק (בראשית דף קסח.) דאברהם אבינו נתן ה' שנים, יצחק אבינו לא נתן כלום (עיי"ש בדבריו), יעקב אבינו נתן כ"ה שנים, ויוסף נתן ל"ז שנים, וזה היה עיקר שנותיו של דוד, ועיי"ש בדבריו שזהו סוד **הלה"ב** (ל"ז). ובפרשת וישב (אופן ל"ג) מבאר שהוצרך יוסף לתקן תיקון של הבל לכן נלקחו משנותיו ל"ז שנה כמנין הב"ל, ובית יוסף הוא לה"ב, ולא חי רק ק"י שנים ע"ש.

דער מגלה עמוקות איז מסביר ווייטער אז עס שטייט אין זוה"ק אז 'שכחה' קומט פון דער יצר הרע, און ביי יוסף און דוד האט דער יצר הרע נישט געקענט שולט זיין, דעריבער האט נישט שולט געווען אויף זיין קיין שכחה.

דארף מען פארשטיין פארוואס פונקט יוסף הצדיק און דוד המלך האבן זוכה געווען צו די גרויסע מדריגה אז די סטרא אחרא זאל נישט קענען שולט זיין, און עס האט נישט שולט געווען אויף זיי די כח השכחה?

## יוסף הצדיק אין מצרים

ווען עס קומט צו די פרשיות התורה, ווי די תורה פארציילט אונז - מעשה אבות סימן לבנים - די לעבן פון די אבות הקדושים און די י"ב שבטי י-ה, וואלטן אונז לכאורה פארשטאנען אז אויב מען וויל ריכטיג פארשטיין ווי אזוי די אבות הק' האבן געלעבט זאל די תורה שרייבן ווי אזוי עס האט אויסגעזען א דאווענען ביי יצחק אבינו, ווי אזוי יעקב אבינו האט געפראוועט א שבת קודש אא"וו[ו]. לכאורה - אין אונזערע פשוטע אויגן - וואלט דאס געווען מער הלכה למעשה וואס אונז קענען זיך אפלערנען דערפון.

אבער די תורה פארציילט אונז באריכות די מעשה וואס האט פאסירט מיט יוסף הצדיק, ווי זיין טאטע - יעקב אבינו - האט אים זייער ליב געהאט, וואס דאס האט צוגעברענגט אז זיינע ברודער זאלן אים פיינט האבן, און צוליב דעם האבן זיי אים פארקויפט פאר א קנעכט, און דערנאך איז יוסף אראפגענידערט געווארן קיין מצרים, און די תורה איז מאריך איבער די נסיון פון יוסף הצדיק וואס ער האט געהאט צו טון מיט אשת פוטיפר וכו', דערנאך איז ער געווארן די משנה למלך אין מצרים, און עס איז געקומען א הונגער איבער די וועלט, ביז שפעטער

---

**ו.** אזוי ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן אינעם ערשטן טייל פונעם שמועס, וואס די תורה וויל מען זאל ארויסלערנען פון די פחד וואס יעקב אבינו האט געהאט פון עשו הרשע, ועיי"ש.

וואס ער האט זיך געטראפן מיט זיינע ברודער, און יעקב אבינו איז אראפגעקומען קיין מצרים.

פארשטייט זיך אז אונז האבן נישט די מינדעסטע השגה אין די הייליגע אותיות התורה, עס איז הייליגע צירופים און שמות וסודות הק' וואס אונז האבן נישט קיין שייכות דערצו. אבער דער באשעפער האט אונז געגעבן די תורה, וויבאלד ער וויל אז אונז - פשוט'ע מענטשן - זאלן זיך אויסלערנען דערפון, ווי אזוי אונז זאלן זיך פירן אין עבודת ה', אלעס וואס שטייט אין די תורה וואס עס האט פאסירט מיט אונזערע עלטערן, איז חלילה נישט איבריג, יעדע זאך וואס האט פאסירט קומט צו לערנען פאר אונז - זייערע קינדער - ווי אזוי זיך צו פירן.

נאר די תורה איז אונז דא מגלה א מורא'דיגע יסוד[ז], און ברענגט אונז ארויס די מורא'דיגע נסיון וואס יוסף הצדיק איז אריבער, יוסף הצדיק איז געזיצן ביי זיין טאטע אין שטוב זייענדיג די באליבסטע קינד, און האט געלערנט פון זיין טאטע יעקב די גאנצע תורה וואס ער האט מקבל געווען פון שם ועבר.

אבער מיטאמאל איז ער פארטריבן געווארן פון זיין טאטנ'ס שטוב, זיינע אייגענע ברודער האבן אים פארקויפט פאר א קנעכט, און ער קומט אן קיין מצרים איינער אליינ'ס, ער געפונט זיך אויף די נידריגסטע מצב וואס ס'איז נאר שייך, און ער דארף זיך ראנגלען מיט די שווערסטע נסיונות אין מצרים.

יוסף הצדיק איז איינזאם אליין, ער קען נישט דארט קיין מענטשן, און האט ניטאמאל וועמען צו זאגן א גוט מארגן, און אויסטוישן א גוטווארט. דאס איז די ערגסטע זאך וואס קען נאר פאסירן צו א מענטש, עס איז די גרעסטע צער וואס א מענטש קען מיטמאכן.

ז. א טייל דערפון איז שוין אויסגעשמועסט געווארן אינעם שמועס 'עבודה ממושכת' איבער די מורא'דיגע עבודה פון יוסף הצדיק, און די שווערע נסיונות וואס ער איז אריבער, אבער פונדעסטוועגן זעט מען אין די תורה אז נאך זייענדיג אין תפיסה אין זיין שווערסטע מצב ווערט ער אנגערופן א 'איש מצליח', ועיי"ש.

אפילו שפעטער ווען יוסף הצדיק איז געווארן משנה למלך אין מצרים, האט זיך דאס גארנישט געטוישט, וואס האט ער דען געהאט מיטן זיין א קעניג ווען בשעת מעשה געפונט ער זיך איינזאם אליין'ס אפגעזונדערט פון זיין משפחה, און געפונט זיך אין א פרעמדע לאנד מיט פרעמדע מענטשן?

עס האט אים אנגעטראפן די שווערסטע נסיונות וואס איז נאר פארהאן, און ער האט נישט געהאט די מינדעסטע סביבה און כוחות זיך צו קענען שטארקן און זיך מחזק זיין אין זיינע שווערע צייטן, און פונדעסטוועגן האט זיך יוסף הצדיק געהאלטן זייער שטארק דורכאויס די אלע יארן, און נישט נאכגעלאזט אלעס וואס ער האט זיך אויסגעלערנט אין שטוב פון זיין גרויסע טאטע יעקב אבינו.

**"עס האט אים אנגעטראפן די שווערסטע נסיונות וואס איז נאר פארהאן, און האט נישט געהאט די מינדעסטע כוחות זיך צו קענען שטארקן אין זיך מחזק זיין אין זיינע שווערע צייטן, און פונדעסטוועגן האט זיך יוסף הצדיק געהאלטן זייער שטארק דורכאויס די אלע יארן"**

טראץ וואס יוסף הצדיק האט געהאט גענוג אופנים הנאה צו האבן פון די וועלט, בפרט ווען ער איז געווארן משנה למלך און ער האט געקענט טון וואס ער האט געוואלט, אבער פונדעסטוועגן האט יוסף הצדיק נישט נאכגעלאזט און איז געבליבן ווייטער ריין און הייליג, און שטענדיג געדענקט 'דמות דיוקנו של אביו'[ח], וואס דאס האט אים אפגעהיטן פון טון עבירות.

דאס אלעס האט געפאדערט מורא'דיגע כוחות פון קדושה למעלה מגדר האנושי, זיך צו האלטן שטארק און אנטלויפן פון יעדע נסיון און זיך האלטן פעסט, טראץ וואס ער געפונט זיך אין אזעלכע שווערע אומשטענדן.

---

**ח.** כדאיתא בגמרא סוטה לו:

און וויבאלד יוסף הצדיק האט זוכה געווען זיך צו האלטן שטארק, האט ער דעריבער זוכה געווען צו דערגרייכן גאר הויכע דרגות אין קדושה, און דער יצר הרע און קליפות האבן אויף אים מער נישט שולט געווען, און דעריבער האט נישט שולט געווען אויף אים קיין שכחה.

## דוד המלך ווערט אפגעזונדערט פון זיין משפחה

די זעלבע זאך איז געווען מיט דוד המלך, אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל[ט] אז ישי - דער טאטע פון דוד המלך - האט געהאלטן אז דוד איז נישט זיין קינד, און האט געמיינט אז ער איז א ממזר, און ישי האט אים דערווייטערט פון אלע זיינע קינדער, און דוד איז געווען אפגעזונדערט פון זיין משפחה פאר אכט און צוואנציג יאר, און האט געפאשעט די שאף פון זיין טאטע ישי, זייענדיג עלנד אליין, וואוסנדיג אז זיין משפחה וויל אים נישט קענען, און ער איז נישט אריינגערעכנט אין די משפחה וואו ער איז געבוירן געווארן.

דאס איז די שווערסטע נסיון פון א מענטש, עס איז אומדערטרעגליכע יסורים, ווען מען ווערט פארטריבן פון די אייגענע משפחה און מען געפונט זיך אליינ'ס אויפן וועלט, נישט האבנדיג קיינעם מיט וועמען צו רעדן, זייענדיג איינזאם אליין.

**"דאס איז די שווערסטע נסיון פון א מענטש, עס איז אומדערטרעגליכע יסורים ווען מען ווערט פארטריבן פון די אייגענע משפחה און מען געפונט זיך אליינ'ס אויפן וועלט, נישט האבנדיג קיינעם מיט וועמען צו רעדן, זייענדיג איינזאם אליין"**

דוד האט געוואוסט אז ער איז א ערליך כשר קינד, ווייל זיין מאמע האט אים אזוי געזאגט, ער האט געוואוסט אז **'אֲנִי עַבְדְּךָ בֶּן אֲמָתֶךָ'** ער איז א כשר'ע זון, א קינד פון זיין מאמע און טאטע, אבער

---

ט. כמבואר כל המעשה במדרש (ילקוט המכירי לתהלים קיט, כח), הובא באריכות בספר תורת המנחה לר"י סקילי תלמיד הרשב"א (פרשת בשלח, והובא משמו בחיד"א בספרו שמחה הרגל בפירושו על הגדה של פסח עה"פ אנא ה' כי אני עבדך).

י. תהלים קטז, טז.

**"אויב גיי איך אריבער אזעלכע שוועריקייטן מוז זיין אז עפעס ליגט באהאלטן אונטער דעם, עס מוז זיין אז עס ליגט אין מיר באהאלטן גרויסע כוחות אז איך זאל דאס קענען אריבערטראגן, און איז ווייטער אנגעגאנגען מיט א פעסטקייט און געדינט דער אויבערשטער פאר גאנצע 82 יאר"**

ער האט נישט געהאט קיין שום וועג ווי אזוי דאס אויף צו ווייזן. און טראץ די שוועריקייטן וואס ער האט געהאט האט ער זיך נישט געבראכן, און מיט מורא'דיגע כוחות האט ער זיך געשטארקט און איז געווען דבוק אינעם אויבערשטן, און געדינט דער אויבערשטער מיט כוחות למעלה מגדר אנושי.

ער האט נישט געטראכט וואס גייט זיין מיט אים, און וואס וועט ער ווייטער טון אין זיין לעבן, ער האט נישט געקוקט אויף גארנישט, נאר געדינט דער אויבערשטער מיט א געטריישאפט, און געלעבט מיטן באשעפער.

דוד המלך האט געוואוסט, אויב גיי איך אריבער אזעלכע שוועריקייטן מוז זיין אז עפעס ליגט באהאלטן אונטער דעם[א], עס מוז זיין אז עס ליגט אין מיר באהאלטן גרויסע כוחות אז איך זאל דאס קענען אריבערטראגן, און איז ווייטער אנגעגאנגען מיט א פעסטקייט און געדינט

**יא.** אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (סוכה נב.), **ובתלמידי חכמים יותר מכולם**, דער יצר הרע פארלייגט זיך אויף תלמידי חכמים מער פון אלע אנדערע. און די גמרא זאגט דארט (שם) **כל הגדול מחבירו יצרו גדול הימנו**, דער וואס איז גרעסער פון זיי חבר, פארמאגט א גרעסערע יצר הרע, וויבאלד ער האט מער כוחות פון א צווייטן. און וויבאלד ער איז גרעסער פון זיין חבר פארלייגט זיך דער יצר הרע מער, וויבאלד יעדע קליינע פגם פון א ערליכער איד, געבט א גרעסערע יניקה פאר די סטרא אחרא.

**אזוי** ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן באריכות אינעם שמועס בענין 'מעלת עבודת ה' ולימוד התורה ברציפות', אז דער יצר הרע פארלייגט זיך דווקא אויף די ערליכע און הייליגע אידן, אזוי ווי מען זעט א מאסקיטא וועט נאר זוכן צו צאפן זיסע בלוט, דאס זעלבע איז מיט דער יצר הרע, ער וועט זיך נישט פארלייגן אויף סתם א ליידיג-גייער אדער א בעל עבירה, וויבאלד פון זיי וועט ער נישט באקומען צופיל, נאר ער וועט דוקא זוכן דער ערליכער בחור אדער איידעלער איד, און דארט ווערט ער פראבירן צו באקומען חיות דורכן מכשיל זיין מיט א עבירה.

דער אויבערשטער פאר גאנצע 28 יאר, טראץ די שווערע נסיונות וואס ער איז אריבער.

ביז ווען דער אויבערשטער האט געשיקט שמואל הנביא זאל גיין זאלבן מיט די שמן המשחה א קינד פון ישי צו ווערן די קעניג איבער כלל ישראל, און שמואל הנביא האט פראבירט צו זאלבן אלע קינדער פון ישי, אבער עס איז נישט געגאנגען, ביז ישי האט געשיקט רופן דוד המלך פון פעלד וואו ער האט געפאשעט די שאף[יב], און דער

**יב.** וז"ל ספר תורת המנחה הנ"ל "לסוף שמונה ועשרים שנה [שדוד היה נחשב לאביו כממזר, וגרשוהו מעל שלחנו והיה הוא ובניו משתשמשים עמו כעבד, כמבואר כל זה בתחילת דברי המדרש] אמר הקב"ה לשמואל, לך אשלחך אל ישי בית הלחמי כי ראיתי כבניו לי מלך (שמואל א' טז, א), וכל מקום שנאמר "לי" הוא לגדולה ולשם ולתפארת, כמש"כ והיו 'לי' הלוים וגו', כי 'לי' בני ישראל וגו', וכיהנו 'לי' וגו', שמן משחת קדש יהיה 'לי' וגו', והרבה כיוצא בזה. וכשבא שמואל אל ישי והביא לפניו הבכור, אמר שמואל, לא בחר ה' בזה, וכן גם את השני, גם את השלישי, גם כל השבעה, אמר עליהם לא בחר ה' באלה, והיה יושב שמואל ומצפה להביא לפניו אחרים.

**וישי** כשראה שהביא לפניו כל שבעה בניו ולא משח לאחד מהם, הלך וישב לו רחוק ממנו ולא עלה על לבו דוד כלל, וכשראה אותו שמואל שהלך וישב לו אמר לו התמו הנערים וכי אין לך בן אחר? זה אי אפשר! שהרי ה' יתברך אמר לי ראיתי בבניו לי מלך. מיד חשב ישי שמא אותו שנתעברה אשתי מזנונים הוא מתיחס על שמי ונקרא בני שכל המגדל יתום בתוך ביתו נקרא על שמו. השיב ישי ואמר עוד שאר הקטן (שם, שם י"א) ורמז בו, היאך תעמוד מלך על ישראל מי שבא מן הערוה, ועל כן אמר "שאר" ולא אמר נשאר או נותר, אלא שאר מן שארה הנה זימה היא. אמר לו שמואל אעפ"כ תביאהו לי ואראהו, וזהו שאמר, שלחה וקחנו כי לא נסוב עד בואו פה. מיד כשבא ועמד לפניו, אמר הקב"ה לשמואל, וכי משיחי עומד ואתה יושב, תקום מפניו קום משחהו כי זה הוא, עכ"ל התורת המנחה.

**במדרש** ילקוט הנ"ל הובא עוד, וז"ל, 'כיון שבא דוד התחיל השמן מבצבץ ועולה, א"ל הקב"ה לשמואל, שמואל אתה עומד קום משחהו כי זה הוא, פינה השמן על ראשו, ונקרש באבנים טובות ומרגליות, חזר הקרן מלא כשם שהיה, והיה יורד על פי מדותיו, וישי ובניו היו עומדין ברתת ואימה, אמרו, לא בא שמואל אלא לבזותינו, ולהודיע לישראל שיש לו בן פסול, ואמו של דוד שמחה בפנים ועצבה מבחוץ, כיון שנטל כוס ישועות שמחו כלן, עמד שמואל ונשקו על ראשו, פתח ואמר, 'ה' אמר אלי בני אתה', באותה שעה אמרה אמו, 'אבן מאסו הבונים היתה לראש פינה', ועלית על כלן. אמרו לה בניה, 'מאת ה' היתה זאת', לפיכך, 'זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו', עכ"ל המדרש ילקוט המכיר. (ובביאור סוד פנימיות הענין, ראה מש"כ בזה רבינו האריז"ל בשער הגלגולים הקדמה ל"ח).

אויבערשטער זאגט פאר שמואל הנביא, יא! דאס איז ער! ער איז דער קעניג פון כלל ישראל.

נאכדעם - ווען דוד המלך איז געווארן דער קעניג אויף כלל ישראל - איז שוין נישט קיין קונץ, די קונץ איז געווען די אכט און צוואנציג יאר וואס דוד האט געדינט דער באשעפער מיט די שווערסטע אומדערטרעגליכע שוועריקייטן, און אזוי האט דוד המלך זוכה געווען צו א געוואלדיגע מדריגה אין קרבת אלקים, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (שמואל א, יח, יד) **'וַיְהִי דָוִד לְכָל דְּרָכָו מַשְׂכִּיל וַה' עִמּוֹ'.** דער אויבערשטער איז געווען מיט אים, און האט זוכה געווען אז די סטרא אחרא זאל נישט קענען האבן קיין שליטה אויף אים, און דעריבער האט נישט שולט אויף אים קיין שכחה.

## די צייט וואס א מענטש שטייגט

דאס איז געווען די נקודה פון יוסף הצדיק און דוד המלך, זיי האבן געדינט דער אויבערשטער אין די שווערסטע מצבים, זיי האבן אריינגעלייגט א געוואלדיגע יגיעה אין זייער עבודת ה', טראץ וואס זיי האבן נישט געוואוסט וואס עס גייט זיין שפעטער, יוסף הצדיק אין מצרים און דוד המלך אין מדבר, זיי האבן נישט געמאכט קיין חשבונות וואס ס'גייט זיין, זיי האבן פארשטאנען אז אויב דער אויבערשטער האט זיי אריינגעלייגט אין אזא שווערע מצב איז א סימן אז זיי פארמאגן מורא'דיגע כוחות, און אזוי אויך פארמאגן זיי די כוחות דאס צו דערהייבן און דורכטראגן.

**"טאקע פון די צייטן, ווען אלעס איז שווער, מען זעט נישט א וועג ארויס, און פונדעסטוועגן שטייט מען שטארק מיט א פעסטקייט און מ'טוט ווייטער די רצון ה' און מען דינט דער אויבערשטער, פון אזעלכע צייטן שטייגט א מענטש, און פון דעם וואקסט מען"**

דער לימוד וואס אונז דארפן זיך לערנען דערפון איז, אז יעדער מענטש אין דער מצב וואס דער אויבערשטער האט אים אריינגעלייגט, קען ער זען וואס דער

אויבערשטער וויל פון אים, און אזוי אויך קען ער זען דערפון אז ער האט די כוחות אריבערצוגיין און זיך שטארקן, און אלץ שטערקער זיינע נסיונות זענען, אלץ גרעסערע כוחות פארמאגט ער.

און טאקע פון די צייטן, ווען אלעס איז שווער, מען זעט נישט א וועג ארויס, און פונדעסטוועגן שטייט מען שטארק מיט א פעסטקייט און מ'טוט ווייטער די רצון ה' און מען דינט דער אויבערשטער, פון אזעלכע צייטן שטייגט א מענטש, און פון דעם וואקסט מען. און אלעס ווענד זיך וויפיל עבודה און יגיעה מען וועט ארייינלייגן אין אזעלכע מצבים, לויט דעם וועט מען זוכה זיין צו שטייגן און נאנט ווערן צום אויבערשטן[יג].

## ענוה אין עבודת ה' איז ענוה פסולה

און מען דארף וויסן צו מחשיב זיין די עבודה לויט ווי מען שטייט יעצט, יעדעס ביסל עבודה וואס מען לייגט אריין דארף מען מחשיב זיין און האלטן זייער טייער, און וויסן אז דאס איז זייער חשוב פארן אויבערשטער, און מען דארף נישט טראכטן וואס עס גייט זיין שפעטער.

טראץ וואס ענווה איז זייער א חשוב'ע מדה, אבער ווען עס קומט צו עבודת ה' טאר מען נישט האבן קיין ענוה, אזוי ווי עס שטייט פונעם הייליגן תולדות יעקב יוסף זי"ע וואס ער ברענגט פייערדיגע ווערטער **'שמעתי ממורי'** וואס ער האט געהערט פונעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע[יד], וזה לשון קדשו (פרשת עקב):

**יג.** טראץ וואס דאס איז א מורא'דיגע עבודה, צו דינען דער אויבערשטער אין א מצב ווען מען גייט אריבער שווערקייטן און מען איז איינער עלנד אליינ'ס, איז דאס זייער א שווערע עבודה, און אונז האבן נישט היינט די כוחות פון יוסף הצדיק און דוד המלך, דעריבער ווען א בחור גייט אמאל דורך א שווערע מצב דארף ער זיך גיין אויסרעדן צו א ערליכע איד, וואס זאלן אים געבן חיזוק און אים העלפן דורכצוגיין זיינע שווערקייטן.

**יד.** עס איז ידוע פון צדיקים אז די ווערטער 'שמעתי ממורי' זענען הייליגע און פייערדיגע ווערטער, וואס די פאפיר ברענט אונטער די הייליגע ווערטער, און ביי חסידים האט מען דאס אנגערופן 'אש שחורה ע"ג אש לבנה'. און דאס איז די ווערטער וואס

'כי גם בענוה צריך לפעמים מדה בינונית, והוא צורך גבוה מאוד, כמו **ששמעתי ממורי שרוב ענותנותו של האדם גורם שנתרחק מעבודת השם יתברך, שמצד שפלותו אינו מאמין כי האדם גורם על ידי תפלתו ותורתו שפע אל כל העולמות, וגם המלאכים ניזונין על ידי תורתו ותפלתו, שאלו היה מאמין זה כמה היה עובד ה' בשמחה** וביראה מרוב כל, והיה נזהר בכל אות ותנועה ומלה לאומרה כדקא יאות. וגם לתת לב אל מה שאמר שלמה ע"ה (תהלים סח, יד) אם תשכבון בין שפתים, **שהקדוש ברוך הוא שומר ושוקד על שפתי האדם לנושקה כשהוא אומרה בתורה ותפלה בדחילו ורחימו.** ואם ישים אליו לבו, בודאי מי זה האיש אשר לא יאחזנו רתת וזיע שהמלך גדול ונורא שומר ושוקד על שפתיים של אדם נבזה חדל אישים, וכיוצא בזה. והוא מעין מה שאמרו חז"ל (גיטין נו א) ענותנותו של רבי זכריה גרם חורבן וכו', עכלה"ק[טו].

---

אונז האבן זוכה געווען צו האבן פונעם אור שבעת הימים דער הייליגער בעש"ט זי"ע וואס איז אלעס געזאגט געווארן מיט רוח הקודש (אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין יושר דברי אמת קונטרס ראשון אות ח"י), און טראץ דעם וואס אונז האבן נישט זוכה געווען אז דער הייליגער בעש"ט זאלן אונז איבערלאזן ספרים, האבן אונז די די הייליגע ווערטער 'שמעתי ממורי' וואס דער תולדות יעקב יוסף און נאך צדיקים ברענגן אין זייערע ספרים, און דאס איז די באר מים חיים וואס אונז לעבן דערפון עד היום הזה. (וע"ע מש"כ בזה במאמר 'גודל הנחיצות בלימוד ספרי חסידות').

**און** עס ווערט געברענגט פון צדיקים א סגולה פאר התלהבות התפילה איז צו לערנען פארן דאווענען אפילו בלויז א קליינע שטיקל 'שמעתי ממורי' וואס דער תולדות ברענגט פונעם בעש"ט זי"ע, וואס דאס איז מסוגל אויף צו פלאמען דאס הארץ פון א איד צו קענען דאווענען פארן אויבערשטער.

**טו.** וראה מש"כ ביושר דברי אמת (קונטרס ראשון אות כ"ז), וזל"ק, אבל אם יהיה שפל מכל וכל, פן ואולי יפתנו היצר לאמור מי אתה לדבר לפני השי"ת ולעבדו ואתה בשר ודם עפר ואפר, ואתה ידעת נגעי עונותיך ומדותיך הרעים ואתה מתועב לפני השי"ת, האיך ימלאון לבך להתקרב לעבודתו ויחודו וכדומה פתוים אחרים כ"א לפי ענינו. לזה צריך לאחוז בגבהות כמש"ה (דברי הימים ב' יז, ו) ויגבה לבו בדרכי ה', וכמאמר רז"ל (סנהדרין לז.) לפיכך נברא אדם יחידי שחייב אדם לומר בשבילי נברא העולם, ואמרו חז"ל (קדושין מ.) לעולם ידמה לאדם כאלו הוא ועולם חצי זכאי וחצי חייב, עשה מצוה אחת אשריו כו'.

**ולכאורה** זה גבהות גדול שידמה האדם בדעתו שבשבילו נברא העולם וכל העולם תלוי עליו, אבל חז"ל הכריחו אותנו להשתמש בגבהות זה כי בלעדי זה יהיה התרשלות גדול בנפשינו לרדוף אחר עבודת השי"ת וכל אחד יאמר מה אני לעבוד את השי"ת, ויאמר גם כן די לי במעשי שאני לומד ועושה מצות כמו שראיתי

א מענטש דארף פארשטיין און גלייבן אין זיינע מדריגות און אין די כוחות וואס ליגן אין אים, און ער טאר נישט גרינגשעצן זיין עבודת ה', ער דארף וויסן אז יעדע ביסל יגיעה וואס ער לייגט אריין איז א אור גדול בלתי גבול וואס שיינט אין אלע עולמות העליונים, און דער באשעפער האט דערפון א גרויסע נחת רוח, און דאס געבט כח פאר א מענטש צו אנגיין ווייטער און שטייגן העכער און העכער אין עבודת ה'. און וויפיל כוחות און יגיעה א מענטש וועט אריינלייגן אזוי פיל וועט ער זוכה זיין צו ווערן העכער און נתעלה ווערן אין עבודת ה'.

**"מען טאר נישט גרינגשעצן אין די אייגענע עבודה, מען דארף וויסן אז יעדע ביסל יגיעה וואס מען לייגט אריין איז א אור גדול בלי גבול וואס שיינט אין אלע עולמות העליונים, און דער באשעפער האט דערפון א גרויסע נחת רוח"**

## עבודת ה' מתוך אהבה ושמחה

אבער די עבודת ה' דארף צוגיין מיט א אהבה און שמחה, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (תהלים יט, ט) **פִּקּוּדֵי ה' יְשָׁרִים מְשַׂמְּחֵי לֵב**, די עבודה מוז צוגיין מיט א שמחה, און דאס זעט מען פון די עבודה פון יוסף הצדיק און דוד המלך וואס זייער גאנצע עבודה איז געווען בלויז איין שטיק אהבת ה', זיי האבן נישט געהאט גארנישט אויפן וועלט, זיי האבן גארנישט פארמאגט מיט זיך אויסער דער אויבערשטער און זיין תורה, און דערמיט זענען זיי געווען דבוק און מקושר די גאנצע צייט.

ווען מען דינט דער אויבערשטער מיט אהבה און שמחה געבט דאס כח דורכצוגיין די אלע שווערע מצבים וואס זיי זענען אריבער, און דערמיט איז מען זוכה צו ווערן באמת מקושר צום באשעפער, און מען

---

מאבותי ויותר, למה לי לחקור על עבודה שלימה לא עלי המלאכה לגמור כ"א על יחידי סגולה, ואם כל אחד יאמר כך לא יהיה צדיק בעולם שיתקרב להשי"ת, אבל לסבה זו אנו צריכים להשתמש בגבהות ולעשות עצמו לאיש לעבוד עבודתו יתברך ויגבר את עצמו בעבודתו יתברך כאלו עליו מוטל כל העולם. וה' עמו, וכו' עכ"ל.

איז זוכה צו תורה, ווייל כדי צו קענען ריכטיג מקבל זיין די תורה מוז עס זיין מתוך אהבה ושמחה[טז].

א בחור דארף וויסן, ווען עס קומט סוף וואך, און ער ענדיגט ישיבה און גייט אהיים אויף שבת, דארף ער דאס ענדיגן מיט א שמחה און א דערהויבנקייט, ער דארף זיך פרייען, ב"ה מען האט זוכה געווען צו נאך א וואך בין כותלי הישיבה, וואס מען איז געזיצן און געלערנט, און געשטיגן בתורה ויראת שמים.

**"יעדער איינער וואס האט פראבירט צו אויסשטייגן און האט למעשה נישט מצליח געווען ווי אזוי ער האט געוואלט, איז וויבאלד ערגעץ ווי אינמיטן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט און געטראכט אז אפשר איז עס נישט פאר מיר, אפשר האב איך נישט די כוחות צו מצליח זיין, און איך גיי נישט קענען אויסשטייגן"**

מען דארף שפירן א געוואלדיגע שמחה פון 'אשר בחר בנו', דער אויבערשטער האט אונז אויסדערוועלט און אונז האבן די זכי' צו זיין בהיכל המלך ולחזות בנועם ה', און אלץ מער מען פריידט זיך און מען פארשטייט די שמחה וואס מען האט זוכה געווען צו לערנען תורה, אלץ מער ווערט די תורה איינגעבאקן אין די הארץ פונעם מענטש[יז].

---

טז. לערנען תורה בשמחה, איז איינע פון די מ"ח קניני התורה וואס מען דארף טון כדי צו קענען קונה זיין די תורה אזוי ווי עס שטייט אין חז"ל (אבות פרק ו' משנה ו'), און ווערט אויך געברענגט אין תנא דבי אליהו (זוטא י"ז) אז כדי צו קענען קונה זיין תורה, דארף מען עס לערנען מיט א שמחה.

יז. עס איז באקאנט די ווערטער פונעם 'אגלי טל' אין זיין הקדמה, וז"ל: יש כאלה הטועים מדרך השכל בעניין לימוד התורה הקדושה, ואומרים כי הלומד ומחדש חידושים ושמח ומתענג בלימודו אין זה לימוד תורה לשמה כל כך כמו אם היה לומד כשאין לו מהלימוד שום תענוג והוא רק לשם מצוה, כי לטענתם הלומד ומתענג בלימודו הרי מתערב בלימודו גם הנאת עצמו, **ובאמת זו טעות מפורסמת ואדרבא זוהי עיקר מצות לימוד התורה להיות שש ושמח ומתענג בלימודו, שאז דברי התורה נבלעים בדמו ונעשה דבוק בתורה הקדושה.** וכן אומרים בברכת קריאת שמע של ערבית 'ונשמח ונעלוז בדברי תלמוד תורתך' וכו', עכ"ל.

עס איז פארהאן אמאל צוויי בחורים וואס לערנען צוזאמען, און ביידע פרייען זיך ווען עס קומט סוף וואך, אבער איינער פריידט זיך איבער נאך וואך וואס ער האט זוכה געווען צו זיין אין ישיבה און לערנען תורה, און דער צווייטער פריידט זיך אז ער איז באפרייט געווארן פון ישיבה.

און דער חילוק צווישן די צוויי בחורים איז הימל און ערד, דער וואס פריידט זיך מיט די תורה איז זוכה צו מקבל זיין די תורה און משיג זיין השגות און שטייגן העכער, און דער צווייטער וואס שפירט אז די תורה איז א לאסט וואס ער פריידט זיך צו ווערן באפרייט דערפון קען נישט האבן די השגות אין די תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין.

## זיך נישט דערשרעקן פון דער יצר הרע

און מען דארף וויסן אז דער יצר הרע פארלייגט זיך זייער שטארק ביי ענק - טייערע בחורי קודש - וויבאלד ביי ענק ליגט די יסודות און די שליסל פון די קומענדיגע דורות, און ווי אזוי א בחור שטעלט זיך אוועק אין זיינע בחור'ישע יארן, אזוי וועט ער אויסשטייגן ווען ער ווערט עלטער.

דעריבער לייגט דער יצר הרע אריין גרויסע כוחות כדי א בחור זאל נישט קענען שטייגן, און ער שטערט אים פון אלע זייטן פון קענען מצליח זיין, אבער מען דארף וויסן אז מען טאר זיך נישט דערשרעקן פון דער יצר הרע, עס איז נישט מער ווי א דרויסנדיגע פחד וואס דער יצר הרע לייגט אריין, און מען טאר נישט נאכלאזן, און ווען מען איז זוכה זיך צו מתגבר זיין זעט מען אז דער פחד פונעם יצר הרע איז געווען איין שטיק

**"דער חילוק צווישן די צוויי בחורים איז הימל אין ערד, דער וואס פריידט זיך מיט די תורה איז זוכה צו מקבל זיין די תורה און משיג זיין השגות און שטייגן העכער, אבער דער צווייטער וואס שפירט אז די תורה איז א לאסט וואס ער פריידט זיך צו ווערן באפרייט קען נישט האבן די השגות אין די תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין"**

שקר וואס האט נאר אויסגעזען אזוי פון אינדרויסן, אבער באמת האט ער נישט קיין שום כח[יח].

און דאס אלעס איז נישט קיין סתם חיזוק ווערטער, עס איז פשוט די ריינע אמת, און די חיסרון איז אז מען מיינט אז ס'איז חיזוק, מען דארף וויסן אז יעדער איינער פון אונז האט באמת די כוחות צו קענען שטייגן און מצליח זיין, און אזוי וועט מען מחשיב זיין די אייגענע צייט[יט] און כוחות, און אז מען פארשטייט אז יעדע מינוט איז חשוב און טייער, איז מען זוכה צו אויסצושטייגן און משיג זיין השגות בתורה ובעבודת ה', און דערמיט איז מען זוכה צו גרויס מאכן די כח הקדושה די כח פון יעקב אבינו, ביז מען וועט בקרוב זוכה זיין צו די גאולה השלימה, במהרה בימינו אמן.

---

**יח.** אזוי ווי עס איז אויסגעשמועסט געווארן באריכות אינעם ערשטן טייל פונעם מאמר די כח הקליפה פון עשו וואס לייגט א פחד אויף די כח הקדושה פון יעקב אבינו, אבער אונז שטייען שטארק ביזן היינטיגן טאג מיט די כח פון יעקב אבינו, ביז אונז וועלן זוכה זיין אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (עובדיה א, כא) **וְעָלוּ מוֹשִׁעִים בְּהַר צִיּוֹן לִשְׁפֹּט אֶת הַר עֵשָׂו**, און דעמאלטס וועט מען אינגאנצן מכניע זיין די כח הקליפה פון עשו הרשע, אזוי ווי דער פסוק איז ממשיך **וְהָיְתָה לַה' הַמְּלוּכָה**.

**יט.** ווען א בחור וואלט מחשיב געווען די אייגענע צייט, און פארשטאנען וויפיל ער קען אלץ אויפטון יעדע מינוט, וואלט ער קיינמאל נישט געקענט מבטל זיין די צייט צו ליינען די אלע צייטונגען און די פארשידענע בילדער מאגאזינען וואס ברענגן נישט קיין שום תכלית, און פארמאגן נישט קיין שום מטרה, וואס איז א נפק"מ פאר בחור וויפיל מענטשן יענע רבי האט געהאט ביי זיין טיש? וואס איז א נפק"מ צו די רבי האט זיך געטראפן מיט יענע רבי? דאס קומט אלעס וויל מען איז נישט מחשיב די אייגענע צייט, און מען ווייסט נישט וויפיל מען טוט אויף אין יעדע מינוט, דעריבער איז מען מבטל די צייט אויף אזעלכע שטותים.